Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 286 | Łódź, Środa 11 grudnia 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ט כסלו תר"צ | № 286

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# יודישע קאלא ווערט פערבעטען אין שלאס

## די קאנפערענצען מיט די פארשטעהער פון בעזונדערע סיים - גרופירונגען

ווארשא, 10 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט האט דער מלוכה-פרעזידענט אויפגענומען די דעפוטאטען סלאוועק, ניעדזשאל-קאווסקי און רוג. די אנגערופענע ווילען וועגען דער קאנפערענץ נישט געבען קיין שום ערקלערונגען, ווייל דער מלוכה-פרעזידענט וועט ארויסגעבען וועגען דעם אַן'ענטשפרעכענדען קאמוניקאט.

מארגען וועלען אויפגענומען ווערען די דעפוטאטען ריבארסקי, דאמבסקי און דעמבסקי (אנשטאט וויטאס'ן).

לויט דער מיינונג פון „צענטראלעוו" וועלען די דאזיגע אונטערהאנדלונגען נישט ברענגען צו קיין שום רעזולטאטען, און עס קורסירען פער'-עקשנ'טע קלאנגען, אז ביים רודער פון דער רעגירונג וועט צוריק פערבלייבען שוויטאלסקי.

אויף איבערמארגען וועלען וואהרשיינליך איינגעלאדענט ווערען אין שלאס די פארשטעהער פון יודישען קאלא און פון דייטשען קלוב.

## וויפיל רעגירונגס-סובסידיעס בעקומען די יוד. אינסטיטוציעס

ווארשא, 10. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער נאציאנאל-ראט האט זיך געווענדעט צו אלע יודישע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, זיי זאלען צושטעלען אויסצוגען פון זייערע הכנסות און וואסערע סובסידיעס זיי בעקומען פון דער רעגירונג. די מאטעריאלען זענען נויטיג דעם נאציאנאל-ראט פאר דער בודזשעט-דעבאטע אין סיים.

## געכאפט דעם דיסעלדארפער מערדער?

בערלין, 10. (א. ט. אי.) פון דיסעלדארף איז מען מודיע: ס'איז גאנץ מעגליך, אז דער ארעסטירטער דינער געסטראי איז דער שרעקליכער לוסט-מערדער, נאך וועלכען די פאליציי יאגט זיך אומזיסט א לאנגע צייט. עס זענען פאראן א רייהע בעווייזען, וואס בעשטעטיגען די דאזיגע השערה.

## צוזאמענפאהר פון די האנדווערקער-קאמערן

ווארשא, 10. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). שבת קומט אין ווארשא פאר א צוזאמענפאהר פון די האנדווערקער-קאמערן. עס וועט בעהאנדעלט ווערען די פראגע וועגען גרינדען אַן'אלגעמיינעם פערבאנד פון די קאמערן און וועגען אויסארבייטען א נאוועלע צום געזעץ וועגען אומזאץ-שטייער.

## ערשטע זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע

ווארשא, 10 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט). היינט פארמיטאג האט זיך צום ערשטען מאל פאר דער איצטיגער סיים-סעסיע צוזאמענגעקליבען די ביודזשעט-קאמיסיע פון סיים אונטער'ן פארזיץ פון דעפ. בירקא (ב. ב.)

עפענענדיג די זיצונג, האט דער פארזיצער געמאלדען, אז די קאמיסיע האט צו דערלעדיגען דעם פרעלימינאר-בודזשעט, דעם ענין טשעכאוויטש און דעם פאספארטען-געזעץ.

דאן איז מען צוגעטרעטען צו פערטיילען די רעפעראטען, און מחמת, נאך א דיסקוסיע האט דעפ. האלינסקי (ב.ב.) דערקלערט, אז די אפאזיציע-גרופירונגען האבען דורך א מעהרהייט אפגענומען ביי דעם בעבע-קלוב אלע וויכטיגסטע רעפעראטען, און מחמת אזוי קאן עס אויך ווייטער פאסירען ביי אפשטימונגען — זאגט זיך זיין קלוב אפ פון די רעפעראטען, וואס זענען איהם צוגעטיילט געווארען.

דעפ. בירקא האט דאן געמאכט א צווייטע אפשטימונג, און די רעפעראטען זענען פערטיילט געווארען אויף אזא אופן, אז דער בעבע-קלוב האט נישט בעקומען קיין איין רעפעראט. (דער רעפעראט פון יוסטיץ-מיניסטעריום האט ביי ביידע אפשטימונגען בעקומען דעפ. ראזמארין פון יוד. קאלא).

נאכדעם איז בעשלאסען געווארען צו בעשטימען די צווייטע זיצונג אויף פרייטאג.

נאך דער זיצונג האט דער פארזיצער דעפ. בירקא זיך געמאלדען צום סיים-מארשאלעק, וועלכען ער האט רעפערירט די בעשלוסען פון דער מעהרהייט. דער סיים-מארשאלעק האט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט, אז אין דער צייט פונ'ם רעגירונגס-קריזיס קען די סיים-קאמיסיע נישט ארבייטען, אכיבע דער סיים-פלענום וועט אננעהמען אַן'אנדער שטעלונג אין דער דאזיגער פראגע.

---


די אלע, וועלכע האבען אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכער מוטער

נ. ע. מיכלה הענדל קאהן

דעם אויפריכטיגסטען דאנק דריקט אויס די פאמיליע.

3119

---

דאנקזאגונג.

די אלע, וועלכע האבען אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער אונפערגעסליכען פערשטארבענעם מאַן, פאטער, ברודער, פעטער און שוואגער

נ. ע. יצחק דוד פוקס

דאנקען מיר דערמיט פון טיפען הארצען. די פאמיליע.

---

גאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אונזער לאנג-יעהריגער פערוואלטונגס-מיטגליד און מיטגרינדער פון דער חברה „גמילת חסדים" בושעזינער 15

נ.ע. מנחם זאב (מאנע וואלף) קרעמער

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר אַן'אקטיווען און איבערגעגעבענעם מיטגליד, וועמענס נאמען מיר וועלען שטענדיג אין עהרע בעהאלטען.

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 11-טען דעצעמבער, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, בושעזשינער 17, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען, כדי אפצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון דער חברה „גמילת חסדים" בושעושינער 17

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 52 יאהר מיין ליבער מאַן, ברודער און שוואגער

נ. ע. מנחם זאב (מאנע וואלף) בן ר' אליהו ז"ל קרעמער

(געב. אין קורלאנד)

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 11-טען דעצעמבער ד. י. (ט' כסלו) 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז בושעשינער 17. וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

